# עונג שבת

## פרשת שמות תשס"ז

גוט שבת אלע אידן. ר' חיים מינץ שליט"א איז דער חב"ד "שליח" אין דעם "בעל עייר" געגענט פון לאס אנדזשעלעס, קאליפארניע. אפאר יאר צוריק האט ר' חיים מקרב געווען א בעל תשובה וואס האט געהייסן "ענדרו."

צוביסלעך, איז ענדרו געווארן מער און מער פרום. כאטש אז ענדרו האט נאך נישט געהאלטן אלעס, איז ער ב"ה געווען אויפן וועג. מיט דעם וואס חב"ד האט געהאט א שול אין זיין געגענט, האט ער געקענט גיין אין שול יעדע שבת. דאס ווארעמקייט פון דעם חב"ד שליח ר' חיים האט אים שטארק מקרב געווען צום אידישקייט. אפילו אז ענדרו איז נישט אזוי זיכער געווען דעמאלט צי ער וויל זיין א ליובאוויטשער חסיד, די עיקר איז געווען אז ער האט געוואלט זיין אידיש.

איין טאג האט "ענדרו" איבערגעגעבן צו ר' חיים די גוטע בשורה אז ער איז ב"ה געווארן א חתן מיט א בעלת תשובה. ר' חיים האט זיי אנגעוואונטשן א ווארעמען "מזל טוב." ענדרו האט גלייך געבעטן פון ר' חיים אז ער זאל זיין דער מסדר קידושין.

ר' חיים האט מסכים געווען צו זיין דער מסדר קידושין אבער ער האט געזאגט צום חתן אז די חתן און כלה מוזען אונטערנעמען דריי זאכן: איינס איז, אז די קידושין מוז זיין על פי שלחן ערוך. צוווייטענס, זיי מוזן האלטן א כשר'ע שטוב נאך די חתונה. און דריטענס, דאס עסן ביי די חתונה מוז זיין כשר.

ביידע זייטן האבן מסכים געווען צו די דריי "תנאים," און זיי האבן קובע געווען די טאג פון די חתונה אויף כ"ב כסלו תשס"ד, בשעה טובה ומוצלחת. דאן האבן זיי אנגעהויבן צו פלאנען די חתונה. זיי האבן באשטעלט דעם זאל, דעם קעטערער, דאס מוזיק און די פלעסטעק בלומען וכו'.

אלעס איז געגאנגען כשורה ביז בערך א חודש בעפאר די חתונה ווען עס איז נתעורר געווארן עפעס א שאלה, וואס צוליב דעם, האבן זיי געדארפט אפשטופן די חתונה. ר' חיים האט געדארפט רופן ביידע זייטן צו איבערגעבן די נישט גוטע בשורה.

פארשטייט זיך אז די חתן און כלה זענען געווארן שטארק אנטוישט. זיי זענען געווען דאך "פרישע" בעלי תשובה, און זיי האבן נישט פארשטאנען אלעס וואס גייט פאר. חוץ דעם וואס עס איז דא א קפידה נישט צו משנה זיין דעם טאג פון דער חתונה, איז עס פשוט שווער געווען אלס פראקטישקייט צו טוישן אלעס וואס זיי האבן שוין ערלעדיגט דורך די פאריגע וואכן. ווי אזוי וועלן זיי קענען טוישן אלעס יעצט אזוי נאנט צו דער חתונה? זיי האבן אויך געפלאנט א שיינע וואקאציע א שטיק צייט נאך די חתונה.

נאך אפאר טעג פון איבערטראכטן דעם ענין, איז דער חתן צוריקגעקומען צום ר' חיים און ער האט אים געזאגט אז ביידע זייטן האבן אפגעמאכט אז זיי וועלן אלעס, ב"ה, טון כהלכה. זיי האבן געוואלט טון דעם אייבערשטענס רצון. דערפאר, האבן זיי טאקע אפגעשטופט די חתונה. אפילו זיי האבן עס מקבל געווען אלס א גזירה פון הימעל, האבן זיי נאך אלץ נישט פארשטאנען פארוואס עס איז אונטערגעקומען אזא נסיון.

דאס מיינט, אז זיי האבן נישט פארשטאנען דעם אייבערשטענ'ס וועגן ביז עס איז געקומען דעם טאג פון י"ד טבת תשס"ד. לויט זייערע פלענער בעפאר זיי האבן געדארפט אפשטופן די חתונה, האבן זיי געדארפט זיין יענע טאג אויף א אינזל אין דעם לאנקאנפושי אינזלן אין דעם אינדיאנישער זעה.

אבער, אזוי ווי מיר ווייסן, איז דער אייבערשטער דער אמת'ער "מכין מצעדי גבר." אינדערפרי פונעם טאג י"ד טבת איז געשען א ריזיגן ערד ציטערניש אין דעם אינדיאנישער זעה. דאס ערד ציטערניש האט גורם געווען א ריזיגע טצונאמי (הונדערט פיס הויכע כוואליעס) וואס האט חרוב געמאכט גרויסע חלקים פון אינדאנעזיע, הודו, און טיילאנד. בערך דריי הונדערט טויזענט מענטשן זענען געהרגט געווארן אין א קורצע צייט, ל"ע. די פלאץ וואו די חתן און כלה האבן געדארפט זיין, איז אינגאנצען חרוב געווארן, און קיינער איז נישט ארויסגעקומען לעבעדיג פון דארט.

דעמאלט האבן זיי פארשטאנען אז "כל מה דעביד רחמנא לטב עביד!" (ברכות ס:) דער חתן ענדרו האט געגעבן קידוש לכבוד דעם נס וואס איז געשען צו זיי. ביי די קידוש האט ענדרו זיך אנגערופן און געזאגט, "עס איז די בעצטע עצה וואס דער רב האט אונז געזאגט. טאמער מען פירט זיך לויט השם'ס תורה, דעמאלט וועט עס זיין א ברכה עד בלי די!"

די ענין ווערט דערמאנט אין די מדרש אויף די וואכעדיגע פרשה. זאגט די הייליגע תורה, "והנה הסנה בער באש והסנה איננו אכל וגו'" – דער דארן ברענט אין פייער, און דער דארן ווערט נישט פארברענט. (שמות ג,ב) זאגט דער מדרש, אז דער סנה איז מרמז אויף כלל ישראל, ד"ה, דער אייבערשטער האט געוואלט ווייזן פאר משה רבינו ע"ה, אז אפילו די מצריים וועלן רודף זיין די בני ישראל, וועלן זיי נישט קענען מכלה (מאבד) זיין די אידן אינגאנצען. (מדרש רבה שמות פרק ב, יד)

פון דא זעט מען אז דאס אידישער פאלק וועט קיינמאל נישט צעשטערט ווערן! און אפילו אידן וואס זענען ווייט פון די תורה, קענען אייביג צוריקקומען. מיט דעם וואס מען פירט זיך אויף ערליך, ווייזט מען אז מען איז שייך צו דעם נצחיותדיגע פאלק! גוט שבת אלע אידן.

**מזל טוב לכ"ק מרן אדמו"ר שליט"א לרגל שמחת אירוסיו של נכדו זושא נ"י בן בנו הרה"צ רבי יצחק שליט"א**

**ולרגל הנחת התפילין של נכדו מרדכי נ"י בנו חתנו הרה"צ רבי אברהם יהושע העשל שליט"א**

נתרם לרפו"ש של מרדכי מנחם מענדל בן חיה שרה, שאשא מלכה בת גאלדא, דוד צבי מנחם בן ציפורה יוטא, משה דוד בן מרים בתשח"י

לנדב גליון זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למתתי' וואלפבערג 362-3234 (845)

כל המענג את השבת נותנין לו משאלות לבו (שבת קיח:) - נא לעיין בדף זה לאחר התפילה